## אבסטראקטס

**<u>שטים צעטל פראגע #1:</u> צולייגן א דעקלעראציע פון ווערדן צו אנווייזן די רעגירונג**

די פארשלאג מאכט אן אריינפיר צום ניו יארק סיטי טשארטער

אן אריינפיר איז א דעקלעראציע ביים אנהויב פון א לעגאלע דאקומענט וואס ערקלערט איר צוועק אדער צילן. די ניו יארק סיטי טשארטער האט נישט יעצט אן אריינפיר. צולייגן אן אריינפיר וועט ערלויבן ניו יארקער צו באקומען א בליק און דעקלעראציע פון פונדאמענטאלע ווערדן געמאכט צו אנווייזן סיטי רעגירונג מיט ערפולן אירע פליכטן.

דאס אריינפיר צום ניו יארק סיטי טשארטער וועט לייענען:

אריינפיר

מיר, די מענטשן פון ניו יארק סיטי, דערקלערן אז אונזער סיטי איז א מערערע ראסע דעמאקראטיע, און אז אונזער פארשידנקייט איז אונזער שטארקייט. מיר באערן און רעספעקטירן די קולטורן, שפראכן, און היסטאריעס פון אלע וואס רופן און וואס האבן גערופן די לאנד זייער היים, און מיר פייערן זייער רעוואלוציאנאלע געדאנקען, שטארקייט, פעסטקייט.

מיר שטרעבן צו זיין א סיטי וואו די ווערד, טאלאנטן, און ביישטייערונגען פון יעדע ניו יארקער ווערט אנערקענט און אנגענומען, און וואו גלייכבארעכטיגונג און אחדות, קאמיוניטי שטארקייט, צוגענגליכקייט, און געלעגנהייט פאר יעדע ניו יארקער איז די אומבייגענדע סטאנדארטן צו וועלכע מיר דארפן ענטפערן צו אין יעדע הינזיכט פון רעגירונג, ביזנעס, און סערוויס דעליווערי.

מיר שטרעבן צו פארזיכערן אז יעדע מענטש וואס וואוינט אין ניו יארק סיטי האט די געלעגנהייט צו בליען מיט:

(א) א זיכערע, געזונטע, און אנהאלטענדע לעבן ענווייראנמענט;

(ב) א שטארקע געגנט סערוויירט דורך קוואליטעט און צוגענגליכע געביידעס און סערוויסעס ווי אויך א פעסטע לאקאלע עקאנאמיע;

(ג) בליענדע און פריינליכע פאבליק ערטער דורכאויס ניו יארק סיטי, וואו יעדער באלאנגט און קען זיך פרייערהייט אומגיין;

(ד) ריסארסן נויטיג צו שטייגט עקאנאמיש און אויפבויען רייכקייט;

(ה) פארזיכערטע, באשיצטע, און ביליגע הייזער;

(ו) קוואליטעט און קולטוראלע-גילטיגע קינדער און יוגנטליכע שטיצעס, אריינגערעכנט אורלי טשיילד-האד און פרי-קינדערגארטן ביז צוועלפטע קלאס עדיוקעישאן;

(ז) דערבארעמדיגע און קולטור צושטעלנדע געזונטהייט, טראומא, און גייסטישע געזונטהייט קעיר;

(ח) צוטריט און געלעגנהייט צו באדייטנד אנטיילנעמען אין רעגירונג באשלוסן; און

(ט) מענטשליכע, ארנטליכע, און רעספעקטפולע באהאנדלונג.

מיר אנערקענען אז ניו יארק סיטי זיצן אויף די טראדיציאנאלע ערטער פון די אריגינעלע איינוואוינער, די לענאפע, און מיר שטרעבן צו רעספעקטירן זייער אנהאלט פון די לאנד דורך באשיצן אונזער ענווייראנמענט און אלע לעבעדיגע זאכן.

מיר אנערקענען די שווערע עוולות און שלעכטע שריט וואס פארמירן טייל פון אונזער לאנד'ס היסטאריע, אריינגערעכנט די געצוואונגענע ארבעט פון אפריקאנע קנעכט, די קאלאניאליסם וואס האט פארשיקט נאטיווע מענטשן פון זייער לאנד, דאס גרינגשעצן און נישט גענוג באצאלן אימיגראנט ארבעטערס, און די דיסקרימינאציע ראסע צוטיילונג, גרופע איינשפארונג, און אנדערע סארטן געוואלדטאטן און סיסטעמישע אומגלייכקייט וואס גייט ווייטער אן פאר באזייטיגטע גרופעס, אריינגערעכנט, אדער נישט באגרעניצט צו, שווארצע, נאטיווע, לאטינקס, אזיאנע, פאסיפישע אינזלענערע, מיטל מזרח'ע, און אנדערע מענטשן פון קאליר, פרויען, רעליגיעזע מינאריטעטן, אימיגראנטן, מענטשן וועלכע זענען LGBTQ+, און מענטשן מיט דיסאביליטיס. מיר אנערקענען אויך אז די סיסטעמישע אומגלייכקייטן זענען ביים יסוד פון אזויפיל פון מענטשהייט'ס געביידעס און אנשטאלטן, און האבן פאראורזאכט שטארקע פיזישע, עמאושאנעלע, געזעלשאפטליכע, און פסיכאלאגישע שאדן און טראומא צו מענטשן, פאמיליעס, און קאמיוניטיס. זיי האבן אויך רעזולטירט אין פארשפרייטערע פארלוסט פון עקאנאמישע געלעגנהייט און מערערע דורות רייכטום. די אפעקטן פון די שאדן זענען טיף איינגעקריצט, סיסטעמיש, און פארזעצנד. מיר זענען אויפ'ן וואך אז אויפזיכט איז געפאדערט צו פארמיידן דאס איבערשפילונג פון פארגאנגענע אדער פארערגערונג פון אנגייענדע שאדן. מיר מוזן ארבעטן שטארק צו פאררעכטן די פארגאנגענע און אנגייענדע שאדן און צו איבערבויען, פאררעכטן און ווידער פלאנען אונזער יסודות, געביידעס, אנשטאלטן, און געזעצן צו פארשפרייטן גערעכטיגקייט און גלייכבארעכטיגונג פאר אלע ניו יארקער.

די פאראייניגטע ווערן אוועקגעשטעלט אין די אריינפיר וועט אנווייזן די אנפירונג פון אונזער סיטי רעגירונג און מעלדן און פארעמען וויאזוי די סיטי פירט אויס די פליכטן, פאדערונגען, און פאראנטווארטליכקייטן, און האלט אן און באשיצט די רעכטן אוועקגעשטעלט אין די טשארטער.

מיר, די מענטשן פון ניו יארק סיטי, פאראייניגט אין אונזער וואונטש צו בויען א גלייכבארעכטיגטע און ווערדיגע סיטי פאר אלע, אנערקענען די שווערע ארבעט פון די ניו יארקער, פון אמאל און היינט, וואס האבן געקעמפט פאר ראסע גלייכבארעכטיגונג, באערן די ביישטייערונגען פון די ניו יארקער וואס האבן געליטן אין די נאמען פון פרייהייט, און באלויבן אלע וואס האבן געקעמפט, געמוטשעט, און געטרוימט פאר א בעסערע לעבן און א בעסערע סיטי. צוזאמען, שטייען מיר אויף זייערע אקסלען בשעת מיר רוקן זיך ווייטער מיט א פעסטקייט צו א ליכטיגע פרימארגן פאר אונז, אונזערע קינדער, און ווייטערדיגע דורות.

די פארגעשלאגענע אריינפיר וואלט גענוצט געווארן צו אנווייזן סיטי אגענטורן און באאמטע אויף וויזוי צו אויספירן זייערע פליכטן פארבינדן צו פלאנען, פראגראם איבערזיכטן און אודיטס. עס וואלט נישט געמאכט א דירעקטע אדער אומדירעקטע רעכט פון שריט צו אינפארסירן אירע טערמינען אדער די טערמינען פון סיי וועלכע אנדערע באדינגונג פון געזעץ. עס וואלט אריין אין קראפט מיט סערטיפיקאציע אז די אויסדערוועלטע האבן בארעכטיגט אזא פאררעכטיגונג צום טשארטער.

**<u>שטים צעטל פראגע #2:</u> אוועקשטעלן א ראסע גלייכבארעכטיגונג אפיס, פלאן, און קאמיסיע**

די פארשלאג וואלט געעפענט אן אפיס פון ראסע גלייכבארעכטיגונג, געפאדערט א סיטי-ברייטע ראסע גלייכבארעכטיגונג פלאן יעדע צווי יאר, און געמאכט א קאמיסיע אויף ראסע גלייכבארעכטיגונג צו פארטרעטן קאמיוניטיס' געברויכן און איבערגיין אין פאבליק די סיטי-ברייטע ראסע גלייכבארעכטיגונג פלאן. ראסע גלייכבארעכטיגונג מיינט דאס עררייכונג פון גלייכבארעכטיגונג מיט א ספעציעלע געוויכט אויף ראסע און מיטארבעטנדע כאראקטאר שטריכן און נעמט אריין א פראצעס פון פארמאכן פעלער מט וואוילזיין צווישן ראסע גרופעס, מיט די ציל פון פארמערטע גלייכבארעכטיגונג פאר אלע.

ניו יארק סיטי'ס רעגירונג האט נישט אן אגענטור וואס לייגט ספעציעלע געוויכט פון רעגירונג אויף מאכן און פארשפרייטן גלייכבארעכטיגונג, מיט געוויכט אויף ראסע גלייכבארעכטיגונג. די פארשלאג שטעלט אוועק א ראם פאר פלאנען און אפשאצן סיטי רעגירונג פרואוון צו פארשטערקערן גלייכבארעכטיגונג.

***אפיס פון ראסע גלייכבארעכטיגונג***

די פארגעשלאגענע טויש וואלט געעפענט אן אפיס פון ראסע גלייכבארעכטיגונג, אנגעפירט דורך א טשיף גלייכבארעכטיגונג אפיציר אויפגענומען דורך די מעיאר, אויף א שטאפל פון אגענור הויפט אדער דעפיוטי מעיאר. די אפיס וואלט געווען אוועילעבל צו ארבעטן מיט יעדע סיטי אגענטור צו טרענירן און צושטעלן טעכנישע הילף אויף ראסע גלייכבארעכטיגונג. יעדע צווי יאר, וואלט יעדע סיטי אגענטור, מיט אנווייזונג פון די אפיס פון ראסע גלייכבארעכטיגונג, אנטוויקלט אן אגענטור ראסע גלייכבארעכטיגונג פלאן. דער אפיס וואלט אריינגעלייגט אין קראפט די אגענטור ראסע גלייכבארעכטיגונג פלענער אין א סיטי-ברייטע ראסע גלייכבארעכטיגונג פלאן. דער אפיס וואלט אויפגעשטעלט סטאנדארטן פאר אגענטורן אנבאלאנגט די זאמלונג און באריכטונג פון אינפארמאציע צו מעסטן לעכער און אונטערשיידן אין וואוילזיין אויף די שטאפל פון ראסע, עטנישע, אדער אנדערע גרופעס און קאמיוניטיס. דער אפיס פון ראסע גרייכבארעכטיגונג וואלט אידענטיפיצירט "פריאריטעט געגנטער" צו ווערן אונטערגעשטרייכט אין ראסע גלייכבארעכטיגונג פלענער באזירט אויף באמערקטע אונטערשיידן אין גלייכבארעכטיגונג, געזונטהייט, אדער סאציא-עקאנאמישע שווערקייטן, אדער די געגנט'ס ווארשיינליכקייט צו ווערן זייער שטארק באאיינפלוסט דורך שפעטערדיגע פאסירונגען וואס קענען פארשטערקערן די חילוקים.

אין צוגאב צו איר אלע אין די ראסע גלייכבארעכטיגונג פלאן אנטוויקלונג פראצעס, וואלט די אפיס פון ראסע גלייכבארעכטיגונג אוועקגעשטעלט א סיטי-ברייטע צוטריט דעזיין פראגראם צו פארמערן גלייכבארעכטיגטע צוטריט און פארמינערן שטרויכלונגען צו סיטי פראגראמען, סערוויסעס, קאמיוניקאציעס, און מאכן באשלוסן. דער אפיס פון ראסע גלייכבארעכטיגונג וואלט אויך געשטיצט אגענטורן אין לייגן ערשט די אנטוויקלונג און איינפירונג פון געזעצן און פראקטיק צו אדרעסירן "דערנידערונג" פון מענטשן אדער קאמיוניטיס, וואס קען ארייננעמען ארבעט צו באארעניצן דאס באנוץ פון קרימינאלע היסטאריע און הונטערגרונד איבערקוקן, פעסטשטעלן אנדערע אויסוואלן צו אינפארסירן שטראפן, פארבעסערן גלייכבארעכטיגטע אויפנעמען און העכערן די פאסטן אין די סיטי'ס ארבעטסקראפט, עפענען גלייכבארעכטיגטע טיילונג פון ריסארסן איבער געגנטער, און פארמינערן אדער אויסראטן געהאלט אדער אקיופעישאנעל צוטיילונג.

די פארשלאג וואלט אויך געלייגט א קאוד אויף די טעסק-קראפט אויף ראסע אחדות און גלייכבארעכטיגונג, וואס איז געמאכט געווארן אין 2020. אונטער די פארשלאג, וואלט די טעסט-קראפט אויף ראסע אחדות און גלייכבארעכטיגונג זיך געפונען אין די אפיס פון ראסע גלייכבארעכטיגונג און געווארן אנגעפירט דורך איין אדער מער טשעיר-פערזאנען אויפגענומען דורך די טשיף גלייכבארעכטיגונג

אפיציר נאך איבערשמועס מיט די מעיאר און אנדערע מיטגלידער אויפגענומען דורך די טשיף גלייכבארעכטיגונג אפיציר אינאיינעם מיט זייער ארבעט אגענטורן. די טעסק-קראפט אויף ראסע אחדות און גלייכבארעכטיגונג וואס צוגעשטעלט פאליסי עצות צו די טשיף גלייכבארעכטיגונג באאמטער און אויסגעארבעט רעגירונגס פרואוון צו פארמערן ראסע גלייכבארעכטיגונג.

### *ראסע גלייכבארעכטיגונג פלאן*

די פארגעשלאגענע פארבעסערונג וואלט געפאדערט אז דער מעיאר זאל מאכן א סיטי-ברייטע ראסע גלייכבארעכטיגונג פלאן און אגענטורן צו מאכן אגענטור ראסע גלייכבארעכטיגונג פלענער יעדע צוויי יאר. די סיטי-ברייטע ראסע גלייכבארעכטיגונג פלאן און די אגענטור ראסע גלייכבארעכטיגונג פלענער, ווי געשילדערט אויבן, וואלט אידענטיפיצירט און קאמיוניקירט אין פובליק די צילן און סטראטעגיעס, סיי קורץ און לאנג טערמיניגע, צו פארבעסערע ראסע גלייכבארעכטיגונג און גערעכטיגקייט. די פלענער וואלטן אויך געהאט דאטא אנדייטונגען, אריינגערעכנט געגנט-שטאפל מעטריקס, צו מעסטן די פארנעם פון פארשריט אויף ראסע גלייכבארעכטיגונג ארבעט און צייגן די אפעקט וואס די ארבעט האט אויף וואוילזיין און פארשידנקייט. די פארשריט וואלט געווארן אריינגערעכנט אין א בייעניעל פארשריט באריכט. די ראסע גלייכבארעכטיגונג פלאנען סקעדזשול איז אויסגעשטעלט צו אינפארמירן די באדזשעט פלאנען פראצעס.

*צייטליניע און סקעדזשול*

אן אויסשטעל פון די ערשטע פלאן וואלט געשיקט געווארן נישט שפעטער ווי יאנואר 16, 2024, מיט די ענדגילטיגע פלאן געשיקט נישט שפעטער ווי אפריל 26, 2024, אינאיינעם מיט די מעיאר'ס ערשטע און עקזעקיוטיוו בודזשעטס. די קורץ-טערמיניגע סטראטעגיעס וואלטן אדרעסירט די קומענדיגע צוויי פיסקעל יארן. די ערשטע פולע פארשריט באריכט וואלט פארגעקומען אין סעפטעמבער 2026. די צייטליניע איז געמאכט צו מוטיגן אגענטורן צו צאמלייגן זייער גלייכבארעכטיגונג סטראטעגיעס בשעת זיי שטעלן צאם זייערע בודזשעטס, און מיט דאס טון, ערלויבן די גלייכבארעכטיגונג סטראטעגיעס צו אינפארמירן ביידע אויסגאבע און קאפיטעל בודזשעטס.

### *קאמישאן אויף ראסע גלייכבארעכטיגונג*

די פארגעשלאגענע ענדערונג וואלט געשאפט א קאמישאן אויף ראסע גלייכבארעכטיגונג צאמגעשטעלט פון 15 איינוואוינער פון ניו יארק סיטי, געמאכט צו ברענגען די אויסקוקן פון ניו יארק סיטי קאמיוניטיס אריין צו די באשלוסן פראצעס. די קאמישאן וואלט אידענטיפיצירט און פארגעשלאגן קאמיוניטי פריאריטעטן צו אינפארמירן די ראסע גלייכבארעכטיגונג פלאנען פראצעס, און איבערקוקן און קאמענטארן אין פובליק אויף אגענטור און סיטי-ברייטע ראסע גלייכבארעכטיגונג פלענער, אריינגערעכנט וועלכע דאטא זאל ווערן געזאמלט. די קאמישאן וואלט אויך אין פובליק נאכגעגאנגען אגענטור אויספאלג מיט די ראסע גלייכבארעכטיגונג פלאנען פראצעס, און וואלט געקענט באקומען קלאגעס איבער אגענטור אויפפירונג וואס קען פארמערן ראסע אונטערשיידן.

*קאמישאנערס*

די קאמישאן וואלט אנגעפירט געווען דורך א טשעיר וואס ווערט אויפגענומען צוזאמען דורך די מעיאר און די סיטי קאונסיל ספיקער. די מעיאר וואלט אויפגענומען זיבן קאמישאנערס. פינף קאמישאנערס וואלטן אויפגענומען געווארן דורך די סיטי קאונסיל ספיקער, מיט א פארטרעטער פון יעדע באראו. איין קאמישאנער וואלט אויפגענומען געווארן דורך די קאמפטראלער, און איין קאמישאנער וואלט געווארן אויפגענומען דורך די פובליק אדוואקאט. איין מעיארעל אויפגענומענע און איין סיטי קאונסיל ספיקער אויפגענומענע וואלט געווען געפאדערט צו פארטרעטן די אויסקוקן און זארגן פון ניו יארקער אין עלטער פון אונטער 25.

אין מאכן אויפנאמעס, וואלט יעדע אויסדערוועלטע באאמטע געדארפט נעמען אין באטראכט, צווישן אנדערע רעכענונגען, אויפצונעמען די וועלכע זענען פארטרעטער פון, אדער האבן ערפארונג צו ארבעטן פאר, מענטשן וואס זענען שווארץ, לאטינקס, נאטיוון, אזיאן, פאסיפיק איילענדער, מיטל מזרח, און אלע מענטשן פון קאליר; אימיגראנטן, מענטשן מיט באגרעניצטע קענשאפט אין ענגליש, מענטשן מיט דיסאביליטיס, סטודענטן, יוגנטליכע, עלטערע, מענטשן וואס זענען LGBTQ+, מענטשן וואס זענען פארמישט אין גערעכטיגקייט, דערהאלטער פון פובליק בענעפיטן, איינוואוינער פון פובליק האוזינג, און אנדערע. מענטשן וועלכע האבן ערפארונג אין ראסע גלייכבארעכטיגונג אדער ראסע גערעכטיגקייט קענען אויך גערעכנט ווערן.

**<u>שטים צעטל פראגע #3:</u> מעסטן די ריכטיגע קאסט פון לעבן**

די פארשלאג וואלט געפאדערט סיטי רעגירונג צו אנטוויקלען און באריכטן, אנגעהויבן אין 2024, א יערליכע "ריכטיגע קאסט פון לעבן" מעסטונג פון וואס עס קאסט צו וואוינען אין ניו יארק סיטי אן אריינרעכענען פובליק, פריוואטע, אדער אומפארמאלע הילף. די פארגעשלאגענע מעסטונג איז געאייגנט צו לייגן געוויכט אויף כבוד ווי איידער ארימקייט, דורך רעכענען די קאסט פון נאכקומען נויטיגע געברויכן אריינגערעכנט, אבער נישט באגרעניצט צו, האוזינג, טשיילדקעיר, טשיילד און דעפענדענט אויסגאבן, עסן, טראנספארטאציע, העלטקעיר, קליידונג, אלגעמיינע ריינקייט פראדוקטן, רייניגן פראדוקטן, הויזגעזונד ארטיקלען, טעלעפאן סערוויס, און אינטערנעט סערוויס. די "ריכטיגע קאסט פון לעבן" מעסטונג וואלט געווארן באריכטעט אין צוגאב צו סטאנדארטן וואס ווערן גענוצט צו מעסטן ארימקייט אדער באשטימען בארעכטיגונג פאר פובליק בענעפיטן. עס וואלט נישט געמאכט א דירעקטע אדער אומדירעקטע רעכט פון שריט.